חוברת לה

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה ע״ה ז״ל**

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ה של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

יום הבהיר כ"ח סיון, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.


**Reshimas Zichronos**

Kesuvim Bidei Harabanis Hatzidkanis
Maras Chana

Installment 35



Published and Copyrighted © 2012
by



**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com



All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.



*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

# חיים שאין בהם בושה וכלימה

## מוצש״ק כ״ח מ׳ חשון [תשי״ג].

ערשט איז אַוועק געגאַנגען דער זון שליט״א, זאָל ער זיין געזונט מיט הצלחה. זייער אַ מידער, און האָט מיט זיך נאָך מיט־גענומען אַ סך אַרבעט.

פון קינד־ווייס אָן האָט ער שטענדיק געלערנט. איך געדיינק ניט קיין צייט וואָס זאָל ביי אים אַמאָל אַוועק לבטלה. איך האָב, אַ דאַנק ג־ט, פון אים אַ סך נחת.

ער איז אַן אמת׳ר אדם גדול, מיט אַ ריינער נשמה. ער טוט פאַר מיר זייער אַ סך, און דאָס איז פאַר מיר אַ זכות. נאָך מיינע צרות וואָס איך בין דורכגעגאַנגען.

עס איז דאָ זאַכן וואָס איך קען אים ניט דערציילן, און נאָך וואָס?

איך געדיינק[511] ווי מיין מאַן ז״ל פלעגט זאָגן אין דעם „יהי רצון״ פון ראש־חודש־בענטשן[512], מיט אַזויפיל האַרץ, „חיים שאין בהם בושה וכלימה״ — בעת עס איז שוין געווען אַ מנין מתפללים האָט ער מיט זיי אויך געזאָגט דעם יהי־רצון, חאָטש אין דער היים האָט ער דאָס ניט געטאָן — איך פלעג באַמערקן, עס איז דאָך געווען נאָך בקשות אין דעם יהי־רצון, אין וועלכע מיר האָבן זיך זייער גענויטיקט, אָבער מיט אַזאַ געפיל ווי ער האָט געזאָגט דעם אויבן דערמאָנטן, האָט זיך ניט געהערט אין איינעם פון זיי. ווייזט אויס אַז דאָס טוט מער וויי.

## זונטאָג, ב׳ שבט [תשי״ג].

כ״ח טבת איז מיר געוואָרן דריי־און־זיבעציק יאָר[513]. אין דעם טאָג

---

511) המסופר בקטע זה הוא בתקופת היותם בגלות ציאילי.

512) בנוסח חב״ד אינו, וכדלקמן בפנים.

513) נולדה כ״ח טבת תר״מ.

בין איך געוואָרן אַ „סיטיזען". צוויי זאַכן וואָס האָבן געקאָנט ברייגנען צופרידנקייט. עס האָט זיך אַזוי געפילט דער אַליין.

נו, אַ דאַנק ג־ט פאַר דעם. דער זון זאָל מאריך ימים זיין, האָט מיר געוואונטשן גוטעס, און פון דעם אַנדערן[514], וועלכן איך האָב ניט געזען פיר־און־צוואַנציק יאָר[515], דאָס איז אויך ניט גאָר גרינג, איז געווען אַ טיעליעגראַמע מיט די חתימות פון זיין פרוי[516] און טאָכטער[517], וועלכע איך קען ניט געוויינליך.

* * *

## ווער ווייס וואו די כתבים זיינען?

### [אחרי ט"ו בשבט תשי"ג]

ניט ווילענדיק, גייען דורך מחשבות פון פריער. מען טאָר ניט זינדיקן זאָגט מען.

איצט איז געווען ט"ו שבט[518]. וואָס האָט מיר אַ סך דערמאָנט, עס פאַרגעסט זיך גאָר ניט, און אפשר פילט זיך נאָך מער די „אבידה".

איך געדיינק, ווי מיין מאַן ז"ל האָט מיר דערציילט:

ווען דעם ערשטן מאָל וואָס מען האָט פון אים אַראָפּגענומען די „שמירה", נאָך עלף חדשים אין תפיסה, אין 1940 אין אַלמאַ־אַטאַ, און מען האָט אים געזאָגט אַז ער קען גיין אַליין וואוהין ער וויל, נאָר ניט ווייטער פון דער מדינה „קאַזאַכסטאַן".

דאָך האָט ער דאָס געפילט פאַר אַזאַ פרייקייט. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַז קיינער גייט אים ניט נאָך און קוקט אים ניט נאָך,

---

514) הוו"ח ר' ישראל ארי' ליב. כ"א אייר תרס"ו – י"ג אייר תשי"ב.

515) הרבנית לא ידעה שבנה הצעיר נפטר. כ"ק אדמו"ר הסתיר מאמו הרבנית אודות פטירתו של אחיו. בימי ה'שבעה' המשיך הרבי לבקרה כמידי יום, ואף כתב לה מכתבים וחתם בשם אחיו.

516) מרת געניא דבורה בת ר' יהושע (כ"ה אלול עת"ר – כ"א טבת תשנ"ז).

517) מרת דלי' (רוטמאן). נולדה כ"ף מר־חשון תש"ה.

518) ראה לעיל ע' 000 ובהערה 116 שם.

און עס האָט זיך אים אַזוי געוואָלט מיט וועמען טיילן די שמחה, און ער וואָלט געוויס געהאַט אַ סך רעיונות אויף דעם „רעדן", אָבער עס איז ניט געווען אפילו איין „איד" וועמען אַ וואָרט צו זאָגן, און ער האָט ווייטער, אויף אַן אנדער אופן, געשטיקן אין זיך דעם ווילן.

ער האָט דאָס מיר דערציילט מיט צוויי חדשים שפּעטער, און דעמאָלט אויך שטאַרק איבער געלעבט.

זיין לעבן איז געווען אַ טראַגעדיע, און נאָך די הסתלקות איז אויך טראַגיש.

ער האָט אזויפיל געשריבן זיין גאַנץ לעבן, איז טויזענטער בויגן געבליבן אין זיין קאַבינעט אין דער היים, וואָס גיטלער האָט חרוב געמאַכט. און די איבעריקע געשריבענע חסידות און קבלה פון די זעקס יאָר וואַנדערן, ד.ה. ביז צוויי וואָכן פאַר דעם שטאַרבן[519], האָב איך איבער־געלאָזט אין מאָסקווא[520], וואָס מען האָט ביי מיר צוגענומען אין באַהאַלטענע ערטער[521]. ווער ווייס וואו איז דאָס איצט?

* * *

## אַ סגולה צו אריכות ימים

### י"א סיון [תשי"ג].

עס איז דריי־און־פופציק יאר נאָך אונזער חתונה[522]. עס האָט זיך פאַר דער צייט זייער אַ סך דורכגעלעבט. אִי בכלל, אִי יעדערער פאַר זיך.

איך קען זאָגן „קטנתי מכל החסדים"[523], אָבער איך האָב ניט ליינג געהערט אַ טייטש, אַז פון די אַלע חסדים וואָס מען טוט מיט דעם מענטשן, ווערט מען קליין — ווייל יעדער זאַך וואָס עס גייט דורך, קאָסט אַ ביסל, אִי פיזישע אִי גייסטיקע כחות. וויפיל מען שטאַרקט זיך. איך פיל

519) ראה גם לעיל ע' 000.

520) ראה לעיל ע' 000 ובהערה 44. ע' 000 [ג' שבט].

521) ראה גם מכתב ו' כסלו תשח"י; ג' טבת תש"כ (אג"ק חט"ז ע' קכח; חי"ט ע' קיז ואילך).

522) בשנת תר"ס.

523) וישלח לב, יא.

זיך אַ שטיקל צייט גאַנץ שוואַך, איך בעט גאָט אַז מען זאָל פון מיר קיין „טראָבל" ניט האָבן. עס גלוסט זייער ניט שווער מאַכן קיינעם. לאָמיר האָפן אַז גאָט וועט העלפן און ניט פאַרלאָזן.

עס גייט אַרויף אַ מחשבה, וואָס אפשר איז דאָס ניט נויטיק, נאָר עס גלוסט זיך דאָס אָנשרייבן:

פאַר דער צייט וואָס איך בין אַליין אַ בעל הבית־טע האָט זיך אָנגעקליבן אַ ביסל היבשליך חפצים אָן עין הרע, דאַרף מען זאָגן. וואָס דער זון שליט"א האָט מיר געגעבן בשמחה רבה און בעין יפה – גאָט זאָל אים צאָלן מיט כל־טוב ער זאָל קענען אַרבעטן מיט זיינע גרויסע כחות געזונטער צופרידענער הייט – איך זאָל דאָס נוצן עס זאָל אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

און דערנאָך זאָל מען אַלץ אַוועקגעבן דעם יונגערן זון מיט זיין סימייסטוואַ[524] יחיו. אפשר אַ פעסימישטישער געדיינק, נאָר עס מאַכט ניט אויס.

עפּעס געדיינק איך, אַז מיין מאַן האָט אַמאָל געזאָגט אז עס איז אַ סגולה צו אריכות ימים[525].

ערשט איז אַוועק געגאַנגען פון מיר מיין זון זאָל מאריך ימים זיין. דאָס איז חיות אויף דעם מעת־לעת ביז אי"ה מאָרגן.

*

## עפּעס אַרויס לאור פון אַזאַ מעין־הנובע

עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן, איך פיל זיך ניט בעסער, און אפשר אַ ביסל שוואַכער. עס קען זיין אַז דאָס איז ביי מיר צייטווייליק אַזאַ שטימונג און זי וועט זיך פאַרבעסערן.

איך ווינטש זיך זען אָפּגעדרוקט די בריף פון מיין מאַן ז"ל וועלכע

524) משפחה.

525) דהיינו לכתוב צוואה היא סגולה לאריכות ימים (ראה גם מכתב ח' תמוז תשי"א. כ' תמוז תשט"ו (אגרות־קודש ח"ד ע' שעג. חי"א ע' רסג)).

זיינען דאָ געשריבענע[526]. עס זאָל עפּעס אַרויס לאור פון אַזאַ מעין־הנובע, וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט אויף אַ רגע טראַכטן תורה, און וואו ער האָט ניט געהאַט צו רעדן, האָט ער דאָס חלקים ווייס אַרויס געגעבן אויף דעם פּאַפּיר.

איך האָב דאָס געוויס רעכט צו האָפן, נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב געזען אין לעבן. איך שהוא, איז דאָס אַ זאַך וואָס האָט זיך געדאַרפט אָפּטאָן. איך קען דאָ גאָר ניט העלפן, נאָר מיין ווילן איז שטאַרק. איך האָף אַז עס וועט נאָך זיין[527].

## יום ו׳ י״ט מ׳ אב, תשי״ג.

היינט איז ניין יאָר נאָך די הסתלקות פון מיין מאַן ז״ל. וואָס אַ יאָר, פילט זיך מער דער זיין אַליין. אין דעם טאָג פאַרשאַרפט זיך עפּעס מער אַלע טויט־ווייע ערטער.

מיין וואונטש איז אַז דער זון שליט״א מיט זיין ווייב תחי׳ זאָלן לייַנג לעבן, עס זאָל זיין בפשטות גוט און רוהיק ביי זיי, און מיר זאָלן איינע פון די צווייטע האָבן פאַרגעניגן.

* * *

526) באותה שעה עדיין לא הגיעו ספרי הזוהר עם הערות כ״ק הרלוי״צ לארצות הרווחה. והכוונה למכתבים שקיבל כ״ק אדמו״ר מאביו במשך השנים תפר״ח־תרצ״ט. וראה הערה הבאה.

527) בכ״ף מנחם־אב תשכ״ט* אחר תפלת מנחה, ציוה כ״ק אדמו״ר להתחיל לסדר לדפוס את כתבי אביו שנרשמו על גליונות ספרי הזוהר וספר התניא, שאמו הרבנית הביאה אליו למקום גלותו.

בר״ח מנחם־אב תש״ל נדפסו: לקוטי לוי יצחק – הערות לספר התניא; הערות לספר הזוהר בראשית. בפורים שנת כי תשא (תשל״א): לקוטי לוי״צ הערות לספר הזוהר שמות־דברים. בכ״ף מנחם־אב שנת כי תשא (תשל״א): תורת לוי״צ – חידושים וביאורים לש״ס משנה וגמרא. ובעש״ק מברכים חדש מנחם אב, ה׳ תשל״ב לקוטי לוי״צ – א) ליקוטים על פסוקי תנ״ך ומחז״ל ב) אגרות־קודש.

*) כ״ה שנה להסתלקות־הילולא של כ״ק הרלוי״צ ז״ל.

**מוצש"ק כ"ח מ' חשון [תשי"ג].**

## חיים שאין בהם בושה וכלימה

זה עתה יצא בני שליט"א, יהי רצון שיזכה לבריאות ולהצלחה. הוא יגע מאוד, ובכל זאת לקח עמו עבודה רבה לביתו.

מילדותו היה תמיד עוסק בלימוד. אינני זוכרת שאי־פעם איבד מזמנו לבטלה.

יש לי ממנו, תודה לא־ל, רוב נחת. הוא אדם גדול באמת, בעל נשמה טהורה. הוא עושה למעני רבות, ובעיני זוהי זכות שאני זוכה לה לאחר הצרות שעברו עלי.

ישנם דברים רבים שאינני יכולה לספר לו, ולשם מה?

אני[278] זוכרת כיצד היה בעלי ז"ל אומר ברגש כה רב, ב"יהי רצון" שבברכת החודש[279], את המלים "חיים שאין בהם בושה וכלימה" (בתקופה שהתקיים כבר מניין מתפללים היה בעלי אומר אתם גם "יהי רצון" זה, אם־כי בביתו לא היה אומר זאת). שמתי לבי לכך, שעל־אף שב"יהי רצון" זה ישנן בקשות נוספות, שגם להן היינו זקוקים מאוד — הרי רגש כזה שבו אמר את המלים שהזכרתי לעיל לא הורגש באף אחת מבקשות אלה. כנראה עניין זה כואב יותר...

**יום ראשון, ב' שבט [תשי"ג].**

## הבדידות מפיגה את השמחה

בכ"ח טבת מלאו לי שבעים ושלוש שנים[280]. ביום זה קיבלתי את אזרחות ארצות־הברית. שני מאורעות שעשויים היו להביא שמחה, אך כמה הורגשה הבדידות!

נו, תודה לא־ל על שהגעתי לכך. בני, יאריך ימים, איחל לי כל טוב, ואילו מבני הנוסף[281] — שאותו לא ראיתי זה עשרים וארבע שנים,

---

278) המסופר בקטע זה מתייחס לתקופת הגלות בציאילי.

279) בנוסח חב"ד אינו, וכדלקמן בפנים.

280) נולדה כ"ח טבת תר"מ.

281) הוו"ח ר' ישראל ארי' ליב (כ"א אייר תרס"ו — י"ג אייר תשי"ב). הרבנית לא ידעה

דבר שאף הוא אינו מן הקלים — הגיע מברק בחתימת אשתו[282] ובתו[283], שאותן, כמובן, אינני מכירה.

**[אחרי ט״ו בשבט תשי״ג]**

## שני אופנים של שלילת חופש

מבלי שארצה בכך, חולפות בראשי מחשבות מן העבר. אומרים שאסור לחטוא גם במחשבה.

זה עתה היה ט״ו שבט[284]. יום זה הזכיר לי הרבה. המאורעות אינם נשכחים כלל, וה״אבידה״ — אפשר שהיא מורגשת עוד יותר.

אני זוכרת כיצד סיפר לי בעלי ז״ל את הדברים הבאים:

בפעם הראשונה שהסירו מעליו את השמירה, לאחר אחד־עשר חודשים במאסר (היה זה ב־1940, באלמא־אטא), ואמרו לו שבאפשרותו ללכת לאן שירצה, ובלבד שלא יצא מתחום מדינת קזחסטאן — היה זה בעיניו חופש שאין כדוגמתו. הוא לא יכול היה לתאר לעצמו מצב שבו איש אינו עוקב אחריו ואיש אינו בוחן את מעשיו.

נפשו חשקה כל־כך לחלוק שמחה זו עם מישהו, ובוודאי היו עולים במוחו רעיונות רבים לשיחה תורנית בעניין זה, אבל לא היה שם אפילו יהודי אחד שניתן היה לומר לו דבר־תורה, ושוב היה על בעלי לחנוק את הרצון בתוכו, אם־כי באופן אחר[285].

הוא סיפר לי זאת חדשיים לאחר־מכן, וגם אז חווה זאת מחדש בעוצמה רבה.

## הטרגדיה של אובדן הכתבים

חייו של בעלי היו טרגדיה, והמצב שלאחר הסתלקותו — טראגי אף הוא.

הוא כתב כל־כך הרבה בימי חייו; ובכן — אלפי גליונות נייר

---

שבנה הצעיר נפטר, שכן כ״ק אדמו״ר זי״ע הסתיר ממנה זאת. בימי ה״שבעה״ המשיך לבקרה כמדי יום, ואף כתב לה מכתבים וחתם בשם אחיו.

282) מרת געניא דבורה בת ר׳ יהושע (כ״ה אלול עת״ר — כ״א טבת תשנ״ז).

283) מרת דלי׳ (רוטמאן). נולדה כ״ף מר־חשון תש״ה.

284) ראה לעיל ע׳ 000 ובהערה 56 שם.

285) כלומר: שוב נשללה ממנו האפשרות למלא את רצונו, אבל לא בגלל כפייה מבחוץ (כמו עד אז), אלא בגלל העדר היכולת למלא את רצונו במצב זה.

כתובים נשארו בחדר עבודתו שבביתנו, שנחרב על־ידי היטלר, ואילו את שאר כתבי החסידות והקבלה משש שנות נדודיו, דהיינו עד שבועיים לפני הסתלקותו[286] — השארתי במוסקבה[287], שם נלקחו ממני הכתבים והונחו במקומות מסתור[288]. מי יודע היכן הם עתה?

**י״א סיון [תשי״ג].**

## סגולה לאריכות ימים

היום מלאו חמישים ושלוש שנה מחתונתנו[289]. בתקופה זו עברו מאורעות רבים — הן בכלל, והן על כל אחד בנפרד.

יכולה אני לומר "קטנתי מכל החסדים"[290]; אבל לא מזמן שמעתי פירוש על פסוק זה, שמרוב החסדים שעושים עם האדם מלמעלה — הוא קטן והולך, שכן כל מאורע שעובר עליו מחסר מעט מכוחותיו, הגשמיים והרוחניים כאחד, ככל שינסה להתחזק.

זה זמן־מה שאני מרגישה חלשה למדי. בקשתי מהשי״ת שלאיש לא ייגרמו טרדות בגללי. מאוד אינני חפצה להקשות על איש. אקווה להשי״ת שיעזרני ואל יטשני.

עולה בדעתי מחשבה, דבר שאולי איננו נחוץ, אבל חפצה אני לכתוב זאת:

במשך הזמן שאני חיה כבעלת־הבית לבדי, הצטברה כמות ניכרת של חפצים (בלי עין הרע, יש לומר) שבני שליט״א העניק לי בשמחה רבה ובעין יפה — ישלם לו השי״ת כל טוב, ויוכל להמשיך בעבודתו בכוחותיו הגדולים, מתוך בריאות ושמחה — כדי שאשתמש בהם, והדבר יגרום לו עונג.

לאחר אריכות ימיי — יימסרו חפצים אלו לבני הצעיר ולמשפחתו יחיו.

אולי זוהי מחשבה פסימית, אבל אין זה משנה. יש בזכרוני שבעלי אמר פעם שעריכת צוואה היא סגולה לאריכות ימים.

---

286) ראה גם לעיל ע׳ 000.

287) ראה גם לעיל ע׳ 000 ובהערה 24. ע׳ 000 [ג׳ שבט].

288) ראה גם מכתב ו׳ כסלו תשח״י; ג׳ טבת תש״כ (אג״ק חט״ז ע׳ קכח; חי״ט ע׳ קיז ואילך).

289) בשנת תר״ס.

290) וישלח לב, יא.

זה עתה יצא מאת פניי בני, יאריך ימים. ביקורו מעניק לי חיות למשך המעת־לעת, עד מחר אי״ה.

## הוצאת מכתבי רלוי״צ לאור

עברו מספר שבועות. אינני חשה בטוב יותר, ואולי חלשה מעט יותר. ייתכן שאין זה אלא מצב־רוח זמני השורה עלי, והוא ישתפר בעתיד.

אני מאחלת לעצמי שאזכה לראות בהדפסת מכתביו של בעלי ז״ל הנמצאים בכתובים[291], כדי שיצא לאור משהו מתורתו של ״מעיין הנובע״ שכזה, שלא הפסיק לרגע מלחשוב בדברי תורה, ובמקום שלא היתה לו האפשרות להביע את מחשבותיו בדיבור — כתב אותן חלקים־חלקים על־גבי נייר.

אין ספק שיש לי הזכות לקוות לכך לאחר כל מה שראיתי בחיי. איך שהוא, זהו דבר שהיה צריך להיעשות. אינני יכולה לסייע להביא זאת לידי פועל, אבל רצוני עז שהדבר יתבצע, ותקוותי שבסופו של דבר כך יהיה[292].

**יום ו׳ י״ט מ׳ אב, תשי״ג.**

היום מלאו תשע שנים להסתלקותו של בעלי ז״ל. עם כל שנה שעוברת מורגשת יותר הבדידות. ביום זה מתעוררים יותר איכשהו כל המקומות הכואבים.

משאלתי היא שבני שליט״א עם רעייתו תחי׳ יאריכו ימים, שיהיה להם טוב ונוח בפשטות, ושנזכה ליהנות זה מזה.

---

291) באותה שעה לא הגיעו עדיין ספרי הזוהר עם הערות רלוי״צ לארצות הרווחה, והכוונה למכתבים שקיבל כ״ק אדמו״ר זי״ע מאביו במשך השנים תפר״ח־תרצ״ט. וראה בהערה הבאה.

292) בכ״ף מנחם־אב תשכ״ט (כ״ה שנה להסתלקות־הילולא של רלוי״צ זצ״ל), אחר תפלת מנחה, ציוה כ״ק אדמו״ר זי״ע להתחיל לסדר לדפוס את כתבי אביו, שנרשמו על גליונות ספרי הזוהר וספר התניא שאמו הרבנית הביאה אליו למקום גלותו.

בר״ח מנחם־אב תש״ל נדפסו: לקוטי לוי יצחק — הערות לספר התניא; הערות לספר הזוהר בראשית. בפורים שנת כי תשא (תשל״א): לקוטי לוי״צ הערות לספר הזוהר שמות־דברים. בכ״ף מנחם־אב שנת כי תשא (תשל״א): תורת לוי״צ — חידושים וביאורים לש״ס משנה וגמרא. ובעש״ק מברכים חודש מנחם־אב ה׳תשל״ב: לקוטי לוי״צ — א) ליקוטים על פסוקי תנ״ך ומחז״ל, ב) אגרות קודש.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב